# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת בהר בחוקותי תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 482



בני אמונים

מתחזקים בעניית אמן

לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל

נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק

פקס: 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### 'שבענו מטובה' אין זכות פון 'ותן ברכה'

**"וְנָתְנָה הָאָרֶץ פִּרְיָהּ וַאֲכַלְתֶּם לָשֹׂבַע וִישַׁבְתֶּם לָבֶטַח עָלֶיהָ"** (כה יט)

**זאגט רבי שלמה קלוגער:**

אין מסכת מגילה (יז ב) זאגן די חכמים אז די ברכה 'קיבוץ גלויות' איז אוועקגעשטעלט געווארן אין די שמו"ע נאך די ברכה 'מברך השנים', ווייל די ברכה אין די לאנד אין אירע פרוכט וועט מקויים ווערן בעפאר קיבוץ גלויות, אזוי ווי עס שטייט (יחזקאל לו ח): "וְאַתֶּם הָרֵי יִשְׂרָאֵל עַנְפְּכֶם תִּתֵּנוּ וּפֶרְיְכֶם תִּשְׂאוּ לְעַמִּי יִשְׂרָאֵל כִּי קֵרְבוּ לָבוֹא".

די סיבה אז די ברכה אין די פרוכט וועט זיין פריער פון קיבוץ גלויות, איז כדי אז ווען עס וועט קומען די זמן פון די גאולה, זאלן מיר זוכה זיין אויסגעלייזט ווערן אויך אויב מיר זענען נישט ראוי צו דעם. ווייל אזוי ווי די חכמים זאגן (תענית ח ב) אז ווען עס הערשט אויף דער וועלט א הונגער און א מגפה צוזאמען, דארף מען דאווענען עס זאל בטל ווערן די הונגער, ווייל ווען עס וועט קומען די זעטיגקייט - וועט ממילא בטל ווערן די מגפה, ווייל הקב"ה שענק זעטיגקייט נאר אז מענטשן זאל דורך דעם זוכה זיין צו לעבן, אזוי אויך ווען עס געשיקט ווערן א ברכה אין די ערד פון די לאנד, וועט ממילא בטל ווערן די גלות, ווייל הקב"ה געבט נישט די גוט'ס פון די לאנד נאר פאר די אידן.

דאס איז אויך די כוונה ווען מיר בעהטן ביי ברכת השנים "ותן ברכה על פני האדמה ושבענו מטובה"; וויבאלד הקב"ה וועט געבן "ברכה על פני האדמה" וועלן מיר ממילא זוכה זיין צו "שבענו מטובה". און אויך דער פסוק איז מרמז אויף דעם: אין זכות פון "וְנָתְנָה הָאָרֶץ פִּרְיָהּ", וועט מקוים ווערן ביי אייך: "וִישַׁבְתֶּם לָבֶטַח עָלֶיהָ".

קונטרס 'דרך החיים' הנדפס בראש שו"ת 'שנות חיים'; 'חכמת התורה' עמ' קסח

### די ברכה איז אנגעהאנגען אין תפילה

**"וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת הֵן לֹא נִזְרָע וְלֹא נֶאֱסֹף אֶת תְּבוּאָתֵנוּ; וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם בַּשָּׁנָה הַשִּׁשִּׁית וְעָשָׂת אֶת הַתְּבוּאָה לִשְׁלֹשׁ הַשָּׁנִים"** (כה כ-כא)

מען דארף פארשטיין: פארוואס האט די תורה מקדים געווען די פראגע "וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל" בעפאר די צוזאג פון ה' פאר די וואס היטן שמיטה? און בכלל דארף מען פארשטיין וואס איז די פראגע, דער אויבערשטער שפייזט דאך אלעמען?

דער הייליגער **'נועם אלימלך'** ברענגט אז זיין ברודער דער **רבי ר' זושא פון האניפאלי**, האט אזוי ערקלערט:

ווען דער אויבערשטער האט באשאפן זיין וועלט, האט ער משפיע געווען מיט זיין גוטסקייט אז יעדער פון די באשעפענישן זאל שטענדיג געפינען זיין פרנסה, אבער ווען דער מענטש איז 'מקטני אמנה' און פרעגט: "מה נאכל?" איז ער גורם עס זאל זיך אויפהערן די השפעה, "וצריך ה' יתברך... לצוות השפע מחדש... כמו מתחילת הבריאה". דאס ווארנט אונז די תורה: האט בטחון אין ה' אז ער וועט צושטעלן אלע אייערע באדערפענישן, ווייל אויב איר פרעגט: "מה נאכל", וועט איר מטריח זיין דעם אויבערשטן דארפן באפעלן די ברכה פון דאסניי.

אויף נאך א וועג טייטש **רבי עקיבא יוסף שלעזינגער:**

דער פסוק "וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל" ווערט נישט פארטייטש ווי א שאלה, נאר ווי א תפילה - "וכי תאמרו" - ווען ענק וועלן דאווענען - "מה נאכל". און דער פסוק קומט אונז לערנען, אז ווייל הקדוש ברוך הוא קוקט ארויס צו אידישע תפילות, איז ער נישט מקיים: "וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי" ביז זיי וועלן דאווענען אויף זייער פרנסה.

'נועם אלימלך'; 'תורת יחיאל'

### שלום העלפט פאר די נפטרים

**"וְנָתַתִּי שָׁלוֹם בָּאָרֶץ וּשְׁכַבְתֶּם וְאֵין מַחֲרִיד"** (כו ו)

**רבי שלמה זלמן עהרנרייך, שימלויער רב שרייבט:**

כאטש א תפלה פון א זון פארן עמוד העלפט זייער פאר די נשמה פון זיינע עלטערן, טאר ער צוליב דעם נישט אריינגיין אין א קריג מיט אנדערע, ווייל עס איז נישטא א ערגערע זאך ווי מחלוקת. נאך מער, דאס עצם מוותר זיין און פארמיידן די קריג העלפט זייער אז דער נפטר זאל רועהן בשלום, אזוי ווי די חכמים זאגן (במ"ר יא ח): גדול השלום, שאפילו המתים צריכים שלום, שנאמר (בראשית טו טו): 'וְאַתָּה תָּבוֹא אֶל אֲבֹתֶיךָ בְּשָׁלוֹם'". מען קען ברענגען א רמז אויף דעם פון דער פסוק: "וְנָתַתִּי שָׁלוֹם בָּאָרֶץ" - ווען די קינדער פון די נפטרים, די וואס זענען איבערגעבליבן "בארץ", לעבן בשלום, וועט מקויים ווערן ביי די נפטרים "וּשְׁכַבְתֶּם וְאֵין מַחֲרִיד".

'אגרות לחם שלמה' קלו

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### נוהגים כבוד דורך ענטפערן אמן

אין דעם טאג ל"ג בעומר וואס איז אויסגעפאלן אין די פריערדיגע וואך האבן זיך געענדיגט די ערשטע דריי און דרייסיג טעג פון ספירת העומר. אין די טעג פירן מיר זיך מיט עטליכע מנהגי אבילות אלס געדענקעניש אויף דעם שרעקליכן אומגליק וואס האט פאסירט אין לויף פון די טעג - די פטירה פון די פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים פון רבי עקיבא. די גרויסע תלמידי חכמים וואס האבן זוכה געווען צו טרינקען מיט דארשט פון די תורה פון דעם הייליגן תנא רבי עקיבא, זענען נפטר געווארן "מפני שלא נהגו כבוד זה לזה".

זיכער וועלן ענק, טייערע ליינער, זיך וואונדערן אויף דעם וואס די קאלום וואס רעדט שטענדיג פון חיזוק אויף זאגן ברכות און ענטפערן אמן, רעדט דאס מאל פון א טרויעריגן געשעהעניש וואס געווענליך פארבינדן מיר דאס מיט די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך'? אבער דער וואס טראכט אריין וועט זעהן אז מיטן ענטפערן אמן איז פאראן א צענטראלער בליק וואס ווירקט דירעקט אויף דעם ענין.

טראכט אריין; איר שטייט גרייט אינדערפרי צו זאגן ברכות השחר, און אט קומט צו אייך צו איינער און בעט איר זאלט זאגן די ברכות בקול רם, ער זאל קענען ענטפערן אמן, איז דען דא א גרעסערע "נהגו כבוד זה לזה" פון דעם? דער איד וויל דאך נישט זאגן יעצט ברכות, נאר זיך פירן מיט כבוד און באשטעטיגן אייערע ברכות.

און דאס איז טאקע דער אמת! יעדעס מאל וואס דו הערט זיך איין צו א ברכה פון א אנדערן און דו ענטפערט נאך אים אמן, ביזסטו אים מכבד, ווייל מיט דעם האסטו געוויזן ווי חשוב איז זיין ברכה אין דיינע אויגן, אז דו ווילסט עס באשטעטיגן דורך ענטפערן אמן.

איבערהויפט אין די טעג לאמיר אריינגעמען אין זיך און וויסן, אז ווען מיר גייען צו צו א צווייטן און מיר טוהן אים פארשלאגן ענטפערן אמן אויף זיינע ברכות, אויסער די מצוה פון ענטפערן אמן זענען מיר אויך זוכה צו מחזק זיין דעם ענין פון ארויסווייזן רעספעקט איינער דעם צווייטן, וואס הקב"ה האלט עס פאר טייער. און דאס איז קלאר אז "מידה טובה מרובה", און אויב מיר זעהן אז הקב"ה האט אזוי הארב באשטראפט צוליב נישט מכבד זיין איינער דעם אנדערן, על אחת כמה וכמה ווי גוט וועט זיין און וויפיל שכר וועלן באקומען די וואס זענען מכבד איינער דעם צווייטן.

דאס איז אויך איינע פון די סיבות פארוואס חז"ל זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך". ווייל אויסער די מצוה פון ענטפערן אמן, איז דער וואס ענטפערט געלויבט מיט דעם וואס ער איז נוהג כבוד אין דער מברך, און דערפאר איז זיין מעלה מער פון דער מברך וואס האט נישט זוכה געווען צו די מעלה.

מיט א רוף "נוהגים כבוד זה לזה"

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# ברוך מתיר אסורים

מיט'ן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה איז ר' ישראל יצחק פאמעראנץ אנטלאפן פון זיין היימשטאט 'דלוגושיודלו' אין פוילן און זיך געטראפן אין רוסלאנד, ר' ישראל יצחק איז אנטלאפן כדי צו ראטעווען זיין רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע לעבן, אבער ער האט באלד איינגעזען אז מעגליך האט ער געראטעוועט זיין פיזישע לעבן, אבער אויף זיין רוחניות'דיגע לעבן וועט ער דארפן קעמפן און קעמפן.

דאס איז געווען אינמיטן די שווערע יארן, אונטער די הערשאפט פון דעם קאמוניסטישן רשע סטאלין ימ"ש, און ר' יצחק וואס האט פרובירט זיך אדורכשווערצן די גרעניץ קיין ליטא, וואו עס האט נאך עקזיסטירט א פולשטענדיג אידיש לעבן, איז גלייך געכאפט און איינגעשפארט געווארן.

די פליטים פון פולין, פונקט ווי פון די אנדערע נאצי-אקאפירטע לענדער, זענען באטראכט געווארן דורך די סאוויעטן אלס געפערליכע אונטערגרובער און רעוואלוציאנערן, און זייער לעבן איז געווען אין די אויגן פון די רוסן אזוי ווי שאלאכץ פון קנאבל. און זיכער אז די לעבן פון א איד צווישן צענדליגער גויים...

ר' ישראל יצחק איז אדורכגעגאנגען שווערע און ביטערע ליידן אין דער סאוועטישער טורמע, ווען ער איז געווען עלנד און הילפסלאז, און גלייכצייטיג איז ער געווען באזארגט איבער די גורל פון זיין משפחה וואס איז איבערגעבליבן דארט. יארן שפעטער האט ער דערציילט פאר זיינע משפחה מיטגלידער איבער א שווערע מינוט וואס ער איז אדורך אין טורמע:



ארבעט'ס - לאגער אין סיביר

"אין די פרימארגן שעה'ן פון איינע פון די שבתים בין איך געשטאנען אין ווינקל פון דער צעל און איך האב געדאוונט שחרית. וויבאלד די תפילה איז געווען כמעט די איינציגסטע מצוה וואס איך האב געקענט מקיים אין דער סאוועטישער טורמע, האב איך שטענדיג זיך משתדל געווען צו דאווענען מיט אלע מיינע כוחות. אויך דאס מאל האב איך אויסגעגאסן מיין נשמה פארן אויבערשטן ווען איך פארגעס פון אלע מיינע צרות, מיטאמאל בין איך אויפגעטרייסלט געווארן הערנדיג א קלאנג פון שליסלען.

די טיר פון די צעל האט זיך מיטאמאל געעפנט, און א גראבער רוסישער וועכטער איז געשטאנען ביים טיר און האט מיך באפוילן שוין מיטגיין מיט אים. איך בין אים נאכגעגאנגען ווען מיין הארץ קלאפט פון שרעק, ווער ווייסט וואס די רשעים ווילן יעצט פון מיר. מען האט מיך אריינגעברענגט צו דעם טורמע-פארוואלטער, וועלכער איז צו מיין איבערראשונג געווען גאנץ רואיג. אן רעדן ווארט האט ער אנגעכאפט מיין פינגער און איר איינגעטונקען אין טינט; "חתמ'ע אז דאס איז דיין פינגערפרינט!" - האט מיר דער אפיציר באפוילן ווען ער ווייזט אויף א בויגן וואס איז געווען פאר אים.

ווי גרויס איז געווען די איבערראשונג פונעם אפיציר ווען איך האב געשאקלט מיטן קאפ אויף ניין; 'היינט איז שבת און איך קען נישט אונטערשרייבן', האב איך געזאגט, און צוגעלייגט: 'איך בין א שומר תורה ומצוות, און די תורה פארבאט אונז צו שרייבן אין דעם טאג. מארגן וועל איך קענען אונטערשרייבן!'

דער אפיציר האט מיך אנגעקוקט אינגאנצן אומגלויבליך. ער איז נישט געוואוינט געווען צו אזעלכע רעאקציעס, ספעציעל נישט פון אזעלכע נידריגע ארעסטירטע ווי איך... ער האט געקוקט אויף מיר מיט א איינגעהאלטענעם צארן און ווידער באפוילן איך זאל אונטערשרייבן. אבער איך האב פון מיין זייט זיך אפגעזאגט, און אים נאכאמאל ערקלערט די סיבה פון מיין אפזאג.

דער אפיציר איז געווארן אויפגעקאכט. ער איז אויפגעשטאנען פון זיין פלאץ און איז ארויס אין קארידאר און האט גערופן: "באריס קום אהער!". א הויכער פאליציאנט מיט אידישע שטריכן אויפן פנים איז אריין אין צימער. דער אפיציר האט מיט עטליכע ווערטער ערקלערט וועגן דעם 'שווערן נוס אויף צו פלאצן' וואס זיצט דא אקעגן אים.

דער אידישער פאליציאנט האט מיר פראבירט מסביר זיין אויף די אידישע שפראך די צרה וואס איך טוה זיך אריינלאזן מיט'ן אפזאגן, ער האט אויך געוואוסט וויאזוי צו ערקלערן אז 'פיקוח נפש דוחה שבת...', אבער איך האב אפגעווארפן זיינע ווערטער און אים אפילו אנגעשריגן: "רעדט מיך נישט צו טוהן א עבירה! און יעדן פאל איז א שאד אויף דיינע ווערטער, ווייל איך בין קלאר נישט אונטערצושרייבן'.

דער אפיציר וועלכער האט נישט געקענט אויסהאלטן דעם פאקט, האט פראבירט מיט גוט'ס און שלעכט'ס; איין מינוט האט ער מיר שטארק געסטראשעט, און דער צווייטער האט ער מיר צוגעזאגט בערג און טאלן... אבער איך האב זיך געהאלטן ביי מיינ'ס.

זיין צארן האט געפלאקערט, און ער האט באפוילן זיינע סאלדאטן מיך אריינווארפן אין א קליינער צימער. א מינוט שפעטער האב איך מיך שוין געטראפען פארשפארט אין א קליינטשיגע צימער פון ביטאן וואס האט נישט געהאט קיין פענסטער, אויסער א קליינע לאך אין טיר וואס דורך דעם האבן די וועכטער געקענט נאכקוקן די ארעסטאנטן.

עטליכע מינוט זענען אריבער און די געשטאלט פונעם אפיציר האט זיך באוויזן צו מיר דורכ'ן לאך. ער האט מיך ווידער פראבירט איבעררעדן צו אונטערשרייבן, אבער איך האב זיך געהאלטן ביי מיינ'ס. דערפאר האט ער באפוילן איינעם פון זיינע זעלנער אריינצוגיין צו מיר און צובינדן מיינע הענט הינטער מיין רוקן. איך בין געווען געבונדן ווי א קעלבל וואס ווערט געפירט צו די שחיטה, אבער מיין הארץ איז געווען פול מיט פרייד אויף די זעלטענע זכות וואס איך האב זוכה געווען - זיך מוסר נפש זיין אויף די מצוות.

מיינע הענט האבן זייער וויי געטוהן, אבער טראץ דעם האב איך ווייטער אפגעזאגט דעם אפיציר וואס האט מיך ווידער פראבירט איבעררעדן אונטערשרייבן. דער אפיציר וואס האט נישט געקענט ענדערן זיין באשלוס, האט באפוילן מען זאל שטערקער בינדן מיינע הענט. די נסיון איז שווערער געווארן, און אין מיין הארץ האט זיך שוין אנגעהויבן אן אמת'ער קאמף. א שטימע אינעווייניג האט מיך פראבירט איבערצייגן אז אומזיסט איז מיין קאמף, און איך בין עובר אויף די עבירה פון פיקוח נפש.

איך בין געווען אינגאנצן אויסגעמאטערט, און כמעט האב איך זיך אונטערגעגעבן צו די שטימע וואס האט געדונערט אין מיר. ווען איך האב שוין נישט געקענט אויסהאלטן האב איך געשריגן צו השי"ת: 'רבונו של עולם', האבן מיינע ליפן געמורמלט, "העלף מיר! כ'קען נישט מער קעמפן, כ'האב געטון און זיך אנגעשטרענגט פאר דיין נאמען, און איך פיל אז איך קען נישט מער. ביטע השי"ת, העלף מיך איך זאל נישט זיין געצווינגען מחלל שבת זיין'.

גלייך נאכדעם האבן מיינע ליפן געמורמלט דעם פסוק 'יוציאם מחושך וצלמות ומוסרותיהם ינתק', און ווען איך האב געענדיגט האב איך געגעבן א שאקל מיינע הענט און איך פיל ווי מיינע הענט זענען באפרייט. ווען איך בין אינגאנצן איבערראשט, האב איך זיך געאיילט אויך אפרייסן די שטריקן פון מיינע פיס. ענדליך האב איך געקענט זיך אביסל אויסציעהן און מיינע כוחות האבן אנגעהויבן צוריק קומען.

ווען איך האב געהערט ווי די טריט פונעם וועכטער דערנענטערן זיך, האב איך זיך געאיילט צו ליגן ווי איך וואלט געווען געבינדן, און דערנאך וואס ער איז אוועק האב איך זיך ווידער אויסגעצויגן. אזוי האב איך איבערגעלעבט ביז איך בין זיכער געווען אז עס איז שוין מוצאי שבת, און דאן האב איך געשריגן צום וועכטער: 'איך בין גרייט אונטערצושרייבן!'.

דער וועכטער האט באלד גערופן דעם אפיציר, און ווייל ער איז געווען זיכער אז איך האב זיך אונטערגעגעבן צוליב די פיין האט ער געשמייכלט פון אויער צו אויער. ער האט זיך געוואנדן אויפבינדן די שטריקן און איז געווען איבערראשט זיי זעהן אויפגעבינדן.

'שמוציגער איד ווי דיר', האט ער צו מיר געשריגן, 'זיכער איז די שטריק לויז געווארן... ענקער גאט העלפט אייך שטענדיג אין א צייט וואס איר געפונט זיך אין ענגשאפט...'.

איך האב נישט געענטפערט. וואס וועל איך מסביר זיין פאר א פארגרעבטער גוי ווי ער, אז דער אויבערשטער הערט צו א תפילה וואס ווערט געזאגט מיט א צובראכן הארץ?!

דעם אנדערן טאג בין איך געווארן דער העלד פון טורמע... פון מויל צו אויער האט זיך פארשפרייט דער נס וואס איז מיט מיר געשען, און אלע האבן אויף מיר געקוקט מיט א שעצונג...".

מיט די יארן, ווען ר' ישראל יצחק האט דערציילט זיין געשיכטע פאר זיין פאמיליע, האט ער אויסגעפירט:

"ריכטיג טאקע אז א גרויסער נס איז פאר מיר געשעהן אין יענע צייט, אבער אין מיינע אויגן, דער גרעסטער נס וואס איז מיט מיר געווען, איז דאס וואס איך האב געקענט זיך אקעגן שטעלן דעם יצר הרע און מיט א פעסטקייט אפזאגן זיינע ווערטערער".

הגדה של פסח 'ספיר ויהלום', סדר הלל

# דרך אמונים

הלכות פון ענטפערן אמן

## אמן חטופה

### א ענדערונג אין די תנועות אדער אין די נקודות

**א. דעם 'אלף' וואס איז אנהויב די ווארט 'אמן' דארף מען מדגיש זיין און גוט ארויסזאגן, און נישט עס איינשלינגען און זאגן מיט א שווא, אדער מיט א חטף-פתח. ענטפערן אמן מיט א שווא אונטער די אלף ווערט אנגערופן ביי די חכמים (ברכות מז א) "אמן חטופה".**

*מקורות וביאורים:*

אין 'שלחן ערוך' (קכד ח) ווערט געברענגט די שיטה פון רש"י (שם ד"ה חטופה) אז 'אמן חטופה' איז טייטש: "מען זאגט די 'אלף' מיט א 'חטף', און נישט מיט א 'פתח'", די אחרונים טייטשן אז 'חטף' איז וואס מיר רופן 'שווא', און 'פתח' איז וואס מיר רופן 'קמץ' ('מעדני יום טוב' שם פ"ב סי' ג אות י; ב"ח או"ח קכד). אויך הר"י מלוניל (שם) טייטש אויף דעם וועג: "ער זאגט דעם 'אלף' מיט א 'חטף פתח', און עס דארף געזאגט ווערן מיט א 'קמץ גדול', און מען דארף אין דעם מאריך זיין". פון זיינע ווערטער זעהט אויס אז דער הויפט פראבלעם ביים ענטפערן א 'אמן חטופה', איז די איילעניש און יאגעניש וואס זענען פארבינדן מיטן ענטפערן אזוי דעם אמן. אזוי קומט אויך אויס פון רבינו מנוח וואס שרייבט (ברכות א יג): "ער זאל נישט זאגן דעם 'אלף' מיט א חטף, ד.מ. ער זאל עס זאגן שנעל ווי די נוצרים". אבער אויך די וואס האלטן אז דער פעלער פון ענטפערן אמן אויף דעם אופן איז די איילעניש, פון דענסטוועגן פון זייערע ווערטער קומט אויס אז די אויסדרוק 'אמן חטופה' לויט די שיטה איז צוליב דעם 'חטף' וואס איילט צו דאס ארויסזאגן פון די ווארט.

אבער פון רבינו בחיי (שמות יד לא) זעהט אויס אז דער הויפט פראבלעם פון טוישן די נקודות ביים ארויסזאגן די ווארט אמן, איז ווייל דורך דעם ווערט פארדרייט די טייטש פון די ווארט, און אזוי שרייבט אויך דער 'לבוש' (שם ג): "מען זאל נישט ענטפערן אמן חטופה ד.מ. כאילו די 'אלף' איז געפינטלט מיט א 'חטף', ווייל דאס איז נישט א ווארט אויף לשון הקדש און האט נישט קיין טייטש", און אזוי כאפט אויך אן דער 'משנה ברורה' (שם כט).

•

**ב. מען דארף ארויסזאגן די ווארט א-מן מיט די פונקטליכע נקודות, א 'קמץ' אונטערן 'אלף' און א 'ציירי' אונטערן 'מם', אזוי וועט דאס האבן די ריכטיגע באדייט, גלייבן אין די ווערטער פון דער מברך, און מען טאר עס נישט ארויסזאגן מיט קיין אנדערע תנועה אדער נקודה".**

*מקורות וביאורים:*

דער לבוש שרייבט (שם): "מען זאל נישט ענטפערן א אמן חטופה... און עס זעהט מיר אויס אז דאס זעלבע דארף מען אכטונג געבן נישט זאגן אמן מיט אנדערע ערליי נקודות וואס זייער טייטש איז נישט 'גלייבן', צ.ב.ש. מיט א שורק אדער א חולם אדער א מלאפום א.ד.ג.", און אזוי פסק'נט דער משנ"ב (שם כט) אז מען דארף ארויסזאגן די אות א פון די ווארט אמן נאר מיט א קמץ גדול, און נישט מיט אנדערע נקודות. אין ספר 'עבודת הקודש' (קשר גודל ט ד) ברענגט דער חיד"א אין נאמען פון רבי מנחם די לונזאנו [הרמד"ל] אז מען דארף אויך אכטונג געבן ארויסזאגן ריכטיג די אותיות מ' און נ' פון אמן, און אזוי שרייבט ער: "מען זאל נישט ענטפערן אמאין אדער אמני, און די 'נון' זאל נישט זיין מיט א דגוש אדער א ציר"י".

# רועי אמונים

פון די ווערטער פון אונזערע רבי'ס אויף ענטפערן אמן



**הגאון רבי מרדכי שמואל איידלשטיין שליט"א**
רב שכונת 'נאות יוסף' בני ברק

עס איז באקאנט די געוואלדיגע מעלה פון ענטפערן אמן, און חז"ל דרש'ענען דעם פסוק "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שמר אמנים" - "אל תקרי 'שמר אמנים' אלא 'שאומרים אמן'". עס איז באקאנט אין נאמען פון איינער פון די גדולי המוסר [עס דאכט זיך אין נאמען פונעם אלטן פון קעלם] אז ווען מען האט אים געזאגט איבער די מאמר חז"ל (אבות ד יז): "יפה שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא, מכל חיי העולם הזה", ווי אזוי קען זיין אז 'קורת רוח' בעולם הבא איז די שכר פון ענטפערן אמן, האט ער געזאגט מיט וואונדער: "אויף ענטפערן אמן איז מען דען זוכה נאר צו 'קורת רוח' בעולם הבא?! דאס איז דאך זייער א גרויסע זאך וואס מען באקומט אויף דעם זייער אסאך שכר אין עולם הבא! די שכר פון 'קורת רוח' באקומט מען אויף זאכן וואס זענען אסאך ווייניגער חשוב, צ.ב.ש. א געוויסע תנועה וואס איז פארבינדן צו מקיים זיין עפעס א מצוה...".

און איך וועל דערציילן וואס איז באקאנט אויף אאמו"ר זצ"ל וואס ל"ע אין זיינע לעצטע יארן איז אים זייער שווער געווען צו רעדן, און טראץ דעם האט מיט גרויס השתדלות איבערגעגעבן שיעורים כסדרן, ביז ער האט אין דעם לעצטן יאר געמוזט אריבערגיין א אפעראציע אויף די שטים בענדער. זינט דעמאלט האט ער אינגאנצן נישט געהאט קיין כח הדיבור, און האט געמוזט רעדן דורך שרייבן צעטליך. בסוף ימיו האבן זיך געפונען אין זיינע אוצרות טויזנטער פון אזעלכע צעטליך און אסאך פון זיי זענען געדרוקט געווארן אין די ספרים וואס זענען ארויס נאך זיין פטירה.

נאכדעם וואס ער האט זיך ערהוילט פון די אפעראציע, האבן די דאקטוירים געוואלט אים אנהייבן לערנען רעדן אין די נייע סיטואציע, דורך זיך אביסל צוגעוואוינען. און ווען מען האט אים געפרעגט וועלכע ווערטער וויל ער אנצוהייבן זיך צוגעוואוינען צו רעדן, האט ער געזאגט, אז ער וויל אנפאנגען מיט צוויי ווערטער: איינס איז דאס ווארט 'אמן', און די צווייטע איז די ווארט 'תודה' 'דאנקען'.

מיין טאטע האט איינגעזעהן אז אין די צוויי ווערטער איז באהאלטן דער גאנצער יסוד פון א אדם השלם; ווייל מיטן ענטפערן אמן איז ער מודה און גלייבט אין דעם אויבערשטן, אזוי ווי די קדמונים ערקלערן, אז 'אמן' איז פון דער לשון 'אמת', און אין דעם איז אריינגערעכנט דער גאנצער ענין פון קבלת עול מלכות שמים און עול מצוות. אזוי אויך די ווארט 'תודה' וואס באדייט מכיר טובה זיין פאר יעדן וואס האט אים גוט'ס געטוהן, וואס דאס איז דער יסוד פון אלע מצוות שבין אדם לחבירו.

יהי רצון אז זיין גרויסע זכות זאל ביישטיין פאר אונז און פאר אלע אידן און פאר יעדער וואס וועט זיך מחזק זיין צו ענטפערן אמן בכל פרטיה ודקדוקיה, און וועט זיין א מליץ יושר עלינו ועל כל ישראל אמן.

**מנאי מרדכי שמואל בהגר"י זצ"ל איידלשטיין**

# דזי אמונים

## רמזי אמן אין די פרשה

### 'אמן ואמן' אויף קירוב הגאולה

**"וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וְאַף אֶת בְּרִיתִי יִצְחָק וְאַף אֶת בְּרִיתִי אַבְרָהָם אֶזְכֹּר וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר" (כו מב)**

רש"י טייטש אז דער פסוק איז איינס פון די פינף פלעצער וואו דער נאמען 'יעקב' איז געשריבן מלא - 'יעקוב', און אקעגן זיי זענען דא פינף פלעצער וואס עס שטייט 'אליהו' חסר - "אליה". ווייל יעקב האט גענומען א אות פון דער נאמען פון אליהו, אלס א משכון אויף דעם וואס ער וועט קומען מבשר זיין די אידן אויף די גאולה.

פון רש"י זעהט אויס אז דער נאמען 'יעקוב' ווען עס איז געשריבן מלא איז עס מרמז אויף די גאולה העתידה [און זעה אין 'תורת משה' פון 'חתם סופר' אויף דעם פסוק אז לעתיד לבוא וועט דער נאמען 'יעקוב' געשריבן ווערן מלא]. לויט דעם ערקלערט **רבי צבי הירש מייזליש**, פון די רבנים אין שיקאגא, די באדייט פון די באזונדערע הידור פון ענטפערן אמן וואס הרמ"ע מפאנו ברענגט ('עשרה מאמרות' מאמר חיקור דין ב טו, הביאו ה'מחצית השקל' או"ח ו ט): "מה טוב שיהיו אצל כל אדם שני רעים, חברים מקשיבים ועונים אמן אחר ברכותיו", ווייל עס שטייט (תהילים פט נג): "בָּרוּךְ ה' לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן", ד.מ.: אז יעדע ברכה ווערט פארענדיגט דורך צוויי וואס ענטפערן אמן. אלס א רמז אויף די הנהגה צייכנט צו הרמ"ע אז דער נאמען "יעקוב" [מלא מיט א ווא"ו] איז בגימטריה 'אמן ואמן'.

לויט די פריערדיגע ווערטער קען מען ערקלערן די כוונה פון הרמ"ע, אז ווען א מענטש איז מקפיד אז צוויי זאלן ענטפערן נאך אים אמן, איז ער מיט דעם מרמז אויף די נאמען 'יעקוב' וואס איז מרמז אויף די גאולה, ער ברענגט ארויס זיין אמונה, תפילה און האפענונג, אז הקב"ה זאל אונז שנעל אויסלייזן.

'אגרא דצבי' [על אגרא דפרקא] רמז נט אות א

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

לכבוד די חברי המערכת פון דער תורה-זשורנאל 'וכל מאמינים', אין שפיץ פון מיין באליבטע ברודער הרבני הנגיד הנכבד הרב רבי יעקב דוב שליט"א, וועלכער עפנט אויף די טויערן פון ענטפערן אמן פאר 'בני אמונים' אין אלע עקן וועלט.

"שלום רב לאוהבי תורתך". אלס איינער וואס נעמט צייט יעדע וואך אדורכגיין ענקער חשוב'ער גליון, און זעהט די אלע ארטיקלען וואס זענען שיין אויסגעארבעט און זענען מעורר דאס הארץ זיך מחזק צו זיין אין די גרויסע מצוה, קען איך עדות זאגן אז עס ווערט אויך מקוים ביי אייך די ענדע פון פסוק "ואין למו מכשול", כה יתן ה' וכה יוסיף.

ווי באקאנט אין סוף מסכת נזיר, וואס נישט לאנג האבן מיר זוכה געווען עס ענדיגן אין ראם פון דף היומי וואס ווערט געלערנט בשער בת רבים, חזר'ן די חכמים איבער דעם באקאנטן מאמר "גדול העונה יותר מהמברך", און באלד נאכדעם האבן זיי צוגעשטעלט דעם באקאנטן מאמר: "תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם". די פארבינדונג צווישן די צוויי מאמרים ווערט אזוי ערקלערט אין ספר 'עין אליהו' (שם) פון דעם בארימטן גאון רבי אליהו שיק דער רב פון לידא:

ווען די חכמים וואלטן נישט אוועקגעשטעלט דעם כלל "גדול העונה אמן יותר מהמברך", אין א פלאץ ווי נאר איינער זאגט די ברכה און איז מוציא דעם ציבור, וואלט אויסגעבראכן א קריג צווישן די מענטשן, ווייל אלע וואלטן געוואלט זוכה זיין זאגן די ברכה. אבער דערנאך וואס זיי האבן אוועקגעשטעלט דעם כלל 'גדול העונה', ווערט פארמיטן די מחלוקת. קומט אויס אז צוליב דעם מאמר האבן די חכמים מרבה געווען שלום בעולם.

איך האב אבער געטראכט אז בפשטות קען מען ערקלערן די קשר פון די מאמרים: אמן באדייט פארקערט פון מחלוקת, ווייל די גאנצע ענין פון אמן איז זיך באהעפטן און ארויסברענגען א הסכמה צו די ווערטער פון דער מברך, און אויסער דעם די גאנצע מצוה פון ענטפערן אמן ווערט געשאפן פון א התאחדות צווישן צוויי מענטשן, ווייל די גאנצע מעגליכקייט פון מקיים זיין די מצוה, איז לכל הפחות דורך צוויי מענטשן וואס באהעפטן זיך און זענען מקיים "ונרוממה שמו יחדיו". דערפאר נאכדעם וואס די חכמים האבן דערהויבן די דרגה פון דער וואס ענטפערט אמן, האבן זיי באלד צוגעשטעלט דעם מאמר "תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם", ווייל ווי געזאגט מיטן מתקן זיין די מצוה פון ענטפערן אמן וואס דערנענטערט די הערצער פון מענטשן, האבן זיי מרבה געווען שלום בעולם.

און לויט דעם קען מען צולייגן און זאגן אז דאס זעלבסט האט מען געוואלט אויסלערנען מיטן צושטעלן נאנט די מאמרים. אויב דער וואס לערנט וועט פרעגן פארוואס "גדול העונה יותר מן המברך"? וועט ער באקומען די ענטפער: ווייל ביי די מצוה פון ענטפערן אמן איז אויך דא א ענין פון שלום, דערפאר איז גדול העונה מן המברך וואס האט נישט דער ענין.

**בברכת התורה**
**אהרן צבי מארמארשטיין**
**בני ברק**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



דער טויער פון די אלטע שטאָט אין קורביל [קוֹרְבֵּיי-אֶסוֹן]

### הסמ"ק
### כ"ח אייר ה"א מ'

רבי יצחק דער זוהן פון רבי יוסף מקורביל איז פארערכנט צווישן די בעלי התוספות וואס האבן זיך באזעצט אין פראנקרייך אנהויב אלף החמישי. ער האט געוואוינט אין שטאט קורביל נעבן פאריז, און איז באקאנט געווארן אויפן נאמען פון זיין ספר 'ספר מצוות קטן', וואס ווערט געזאגט בקיצור: 'סמ"ק'.

ער האט געלערנט תורה ביי זיין שווער רבי יחיאל פון פאריז, איינער פון די בעלי התוספות, ווי אויך פון די חכמי איברא. זיין בארימטער תלמיד איז רבי פרץ מקורביל, וועלכער האט געשריבן אסאך הערות אויפן ספר הסמ"ק, און זיי זענען ארייינגעדרוקט אין פארשידענע אויסגאבעס.

ר' יצחק האט פארפאסט זיין ספר 'ספר מצוות קטן' וואס איז אזוי ווי א קיצור פון 'ספר מצוות גדול', אויסלאזנדיג די לאנגע דיסקוסיעס און ברענגען א קורצע איבערבליק אויף יעדע מצוה. אזוי אויך מיטן איבערלאזן אלע מצוות וואס זענען נישט נוהג בזמן הזה. דער אריגינעלער נאמען פון דעם ספר איז 'עמודי הגולה', און עס איז צוטיילט אין זיבן חלקים פאראלעל צו די טעג פון דער וואך, מיטן ציל צו מוטיגן און פארגרינגערן צו לערנען און עס איבער'חזר'ן וועכנטליך. דער ספר האט זוכה געווען ברייט פארשפרייט ווערן אין פארשידענע קהילות ישראל, און באזונדער האט עס באקומען א אנערקענונג פון די חכמי פראנקרייך און דייטשלאנד, אזוי ווייט אז אין פארשידענע מקומות האט מען עס ארייינגעשטעלט אין די סידורי תפילה כדי מען זאל ארייינקוקן אין דעם יעדן טאג.

רבי יצחק איז נפטר געווארן אנהויב אלף החמישי כ"ח אייר מ'.

### וויי איז צו די וואס פארמיידן זייערע קינדער פון חיי עולם הבא

אין זיין ספר, 'ספר מצות קטן' (מצווה יב) פסק'נט רבי יצחק מקורביל ווי רבי מאיר (סנהדרין קי ב) אז א קטן איז זוכה צו עולם הבא פון ווען ער וועט ענטפערן אמן, און לויט דעם לייגט ער צו און שרייבט שארפע רייד אויף די וואס רעדן אין שוהל, און דורך דעם טוהן זיי אויך גרינגשעצן אין ענטפערן אמן:

"די חכמים זאגן (ברכות נג ב): 'גדול העונה אמן יותר מן המברך' און 'פותחים לו שערי גן עדן, שנאמר (ישעיה כו ב): פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים', אל תיקרי 'אמונים' אלא 'אמנים' (שבת קיט ב). און פון דעמאלטס זענען די קליינע קינדער זוכה צו חיי העולם הבא (סנהדרין קי א). **אויב אזוי וויי איז צו די וואס רעדן דברים בטלים אדער זיי מאכן א געלעכטער און א גרינגשעצונג אין שוהל בשעת'ן דאווענען, און פארמיידן זייערע קינדער פון חיי עולם הבא**".

**צו באקומען יעדע וואך די גליון אין אימעיל קען מען זיך ווענדן צו: 9139191@gmail.com**